פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# אפט באנוצטע מעדיצין דורכאויס פעדיעטריק סטעם צעל טראנספלאנטס

די אינפארמאציע רעכנט אויס מעדיצינען וועלכע ווערן אפט גענוצט איידער, דורכאויס, אדער נאך א פעדיעטריק סטעם צעל טראנספלאנט. אייער העלטקעיר פראוויידער וועט רעדן מיט אייך וועגן די מעדיצינען וועלכע איר נעמט, אריינגערעכנט זייערע נעמען און פארוואס איר דארפט עס נעמען. אין דעם וועגווייזער, גייט דיווארט "איר" ארויף אויף אייך אדער אייער קינד.

## סופלעמענטס

- פאליק עסיד (Folic acid): א וויטאמין וועלכע אייער קערפער דארף צו מאכן נארמאלע בלוט צעלן.
- פאטאסיאם קלארייד (Potassium Chloride)/פאטאסיאם פאספוראס (Potassium Phosphorus): א פאטאסיאם סופלעמענט. אייער קערפער דארף פאטאסיאם פאר אייערע מוסקלען (אריינגערעכנט אייער הארץ) צו ארבעטן ריכטיג.
- מאגניזיאם אקסייד (Magnesium Oxide)/מאגניזיאם סוי (Magnesium Soy): מאגניזיאם סופלעמענטס. אייער הארץ דארף מאגנעזיאם צו ארבעטן ווי עס דארף צו זיין.
- מולטיוויטאמין: א וויטאמין סופלעמענט וועלכע קען יא אדער נישט ענטהאלטן אייזן.
- וויטאמין K א וויטאמין וועלכע אייער קערפער דארף כדי אייער בלוט זאל קענען קלאט'ן.

## GVHD פארמיידונג

די מעדיצינען ווערן גענוצט צו פארמיידן אדער באהאנדלען גרעפט-קעגן-האוסט קראנקהייט (GVHD). ביישפילן רעכענען אריין:

- מייקאפענאלעיט מאפעטיל (CellCept®)
- סייקלאספארין (Neoral®)
- טאקראלימאס (Prograf®)
- סיראלימאס (Rapamune®)
- מעטאטרעקסעיט (ביי א נידריגע דאזע)

## אנטיוויראלס

די מעדיצינען ווערן גענוצט צו פארמיידן אדער באהאנדלען וויראל אינפעקציעס (ווי טשיקען פאקס און שינגעלס). אנדערע וויראל אינפעקציעס אפט געזען דורכאויס א טראנספלאנט רעכענען אריין

סיטאמעגאלאווירוס (cytomegalovirus, CMV), יומען הירפיס ווירוס (HHV6), אדענאווירוס, און BK ווירוס. ביישפילן רעכענען אריין:

- אסיקלאוויר (Zovirax®)
- פאסקארנעט (Foscavir®)
- גאנסיקלאוויר (Cytovene®)
- סידאפייוויר (Vistide®)
- לעטערמאוויר (Prevymis®)
- וואלגאנסיקלאוויר (Valcyte®)

## אנטיפאנגעלס

די מעדיצינען ווערן גענוצט צו פארמיידן אדער באהאנדלען פאנגעל אינפעקציעס. ביישפילן רעכענען אריין:

- פליוקאנאזאויל (Diflucan®)
- אמפאטעריסין (AmBisome®)
- ווארקאנאזיול (Vfend®)
- מיקאפאנגין (Mycamine®)
- פאסאקאנאזיול (Noxafil®)
- איסאוואקאנאזונים (Cresemba®)

## אנטיאיבלונג

די מעדיצינען ווערן גענוצט צו פארמיידן אדער באהאנדלען איבלונג (געפילן פון ברעכן) און ברעכן. ביישפילן רעכענען אריין:

- אנדאנסעטראן (Zofran®)
- הײדראקסיזין (Vistaril®)
- מעטאקלאפראמייד (Reglan®)
- גרעניסעטראן (Kytril®)
- לארעזעפעם (Ativan®)
- דראנאבינאל (Marinol®)
- פאסאפרעפיטענט (Emend®)
- דיפענהיידראמין (Benadryl®)

## אנטאסידס

די מעדיצינען ווערן גענוצט צו פארמינערן בויך עסיד ארויסלאזונגען. ביישפילן רעכענען אריין:

- פאנטאפראזאול (Protonix®)
- לאנסאפרעזאול (Prevacid®)
- רעניטידיין (Zantac®)
- אומפרעזאול (Prilosec®)
- עסאמעפראזאול מאגניזיאם (Nexium®)

## מעדיצינען פאר ווייטאג

די מעדיצינען ווערן גענוצט צו באהאנדלען ווייטאג און אומבאקוועמליכקייט. איר קענט עס נעמען דורך די מויל, דורך אינטערוויניוס (דורך אן אדער) אדער טראנסדערמעלי (נוצנדיג סקין פעטשעס). איר וועט מעגליך באקומען ווייטאג מעדיצין דורך א ספעציעלע פאמפ מיטן נאמען (פאציענט קאנטראלירטע אנאלגעסיא (PCA).״ א PCA לאזט אייך זיך געבן א פארזיכערטע און קאנטראלירטע דאזע פון מעדעצין. ביישפילן פון מעדיצינען פאר ווייטאג נעמען אריין:

- אפיאוידס, אזוויי מארפין (DepoDur®, Duramorph, MS Contin®), הידראמארפאן (Dilaudid®) אדער פענטאניל (Duragesic®, Subsys®)
- נאנסטעראוידעל אנטי-אינפלעמעטראי מעדיצינען, אזוויי אסעטאמינאפען (Tylenol ®)

## הארמאנען (פאר נקיבות)

די מעדיצינען ווערן גענוצט צו פארמיידן ווענדזשינעל בלוטיגונג ווען אייער פלעיטלעט צאל איז זייער נידריג. ביישפילן רעכענען אריין:

- נארדזשעסטרעל (Ovral®)
- נארדזשעסטרעל און עטיניל עסטראדיאל (Lo-Ovral®)
- מעדראקסיפראדזשעסטראן אסיטעיט (Provera®)
- ליופראלייד (Lupron®)
- מעדראקיפראדזשעסטראן אסיטעיט (Depo-Provera®)

פארבינדט זיך אלעמאל מיט אייער העלטקעיר פראווידער אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס אדער זארגן. א מעמבער פון אונזער קעיר טיעם וועט אייך ענטפערן מאנטאג ביז פרייטאג פון 9 אינדערפרי ביז 5 נאכמיטאג. אין אנדערע שעות, קענט איר לאזן א מעסעדזש אדער רעדן מיט אן אנדערן MSK פראווידער. עס איז אייביג דא א דאקטאר אדער נורס גרייט. אויב איר זענט נישט זיכער וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט אייער העלטקעיר פראווידער, רופט 212-639-2000.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטואלע לייברערי.

---

Commonly Used Medicine During Pediatric Stem Cell Transplants - Last updated on November 27, 2024

אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

**לעצט אַפּדעיטעד**
נאָוועמבער 27, 2024
Learn about our Health Information Policy.

## זאָגט אונדז וואָס איר טראַכט

## זאָגט אונדז וואָס איר טראַכט

Your feedback will help us improve the educational information we provide. אייער זאָרג מאַנשאַפֿט קען נישט זען גאָרנישט וואָס איר שרייבט אויף דעם פֿידבעק פֿאָרעם. ביטע ניצט עס נישט צו פרעגן וועגן אייער זאָרג. אויב איר האָט פֿראַגעס וועגן אייער זאָרג, קאָנטאַקט אייער געזונטהייטס פאַרזאָרגער.

כאָטש מיר לייענען אַלע פֿידבעק, קענען מיר נישט ענטפֿערן קיין פֿראַגעס. ביטע שרייבט נישט אייער נאמען אדער קיין פערזענלעכע אינפארמאציע אויף דעם פידבעק פאָרעם.

איז די אינפֿאָרמאַציע געווען גרינג צו פֿאַרשטיין?

- יא
- עטוואס
- נייןNo

איז די אינפֿאָרמאַציע געווען גרינג צו פֿאַרשטיין?

ביטע שרייבט נישט אייער נאמען אדער סיי וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע.

איינגעבן

Memorial Sloan Kettering Cancer Center